# פרשת בראשית

## משיחת יום ג׳ פ׳ בהר-בחוקותי, כ׳ אייר ה׳תש״מ

**– להתלמידים ולהתלמידות שיחיו –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דער ערשטער מאָל וואָס ס׳איז געווען אַ יום שלישי בשבת, אַ דריטער טאָג אין וואָך, וואָס דאָס איז דאָך געווען אין די שבעת ימי בראשית, ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן,

וואָס תורה דערציילט, אַז דער אויבערשטער האָט דעמאָלט געזאָגט ״תדשא הארץ דשא עשב מזריע זרע״ און אויך ״עץ פרי עושה פרי למינהו״,

און גלייך ווי דער אויבערשטער האָט דאָס געזאָגט, וואס דאס איז געווען ביום השלישי, איז דאָס אויך אַזוי געוואָרן בפועל, אַז ״ותצא הארץ דשא״ און אויך ״עץ פרי״, אַז די ערד האָט גלייך אַנטפּלעקט און ס׳איז אויף איר אויסגעוואַקסן אַלע-ערליי גראָזן און אַלע-ערליי בוימער.

און ווי חז״ל דערקלערן אונז, אַז דעמאָלט איז יעדער בוים; ס׳איז ניט געווען קיין ״אילנות סרק״, ס׳איז ניט געווען קיין בוים וואָס זאָל ניט געבן פירות וואָס מ׳קען זיי עסן און פון זיי הנאה-האָבן, נאָר יעדער בוים האָט אַרויסגעגעבן די ריכטיקע גוטע פירות.

וואָס דאָס איז אַ קלאָרע אָנווייזונג, אַז אידישע קינדער, גלייך ווי זיי ווערן געבאָרן באַ אידישע עלטער ווי דער אויבערשטער וויל און לויט דעם אויבערשטנ׳ס אָנזאָג,

בענטשט דער אויבערשטער די עלטערן, אַז ״ותצא הארץ דשא עשב״, אַז באַ זיי ווערן געבאָרן קינדער וואָס זיי גיבן אַרויס אָט דאָס וואָס ס׳וואַקסט אין די פעלדער די גראָזן וואָס גיבן פון זיך אַרויס מ׳מאַכט דערנאָך דערפון לחם – ברויט – אויף וועלכע ס׳האַלט זיך דער מענטשלעכער לעבן, ״המוציא לחם מן הארץ״; אויך דער מענטשלעכער געזונט – ״ולחם לבב אנוש יסעד״,

און אויך דער ״עץ עושה פרי״, און ווי געזאָגט פריער – **יעדער** עץ, אַז יעדער אידישער קינד וואַקסט-אויף אין אַזאַ אופן, אַז ער גיט אַרויס די אמת׳ע ריכטיקע פירות, וואָס זיי מאַכן נאָך מער געשמאַקער דעם טאָג-טעגלעכן לעבן: דאָס איז ניט נאָר אָט דאָס אָן וועלכע מ׳קען ניט אויסקומען; דאָס איז אַ **מוז**, ווי לחם וואָס וואַקסט בשדה, נאָר אויך ווי פירות וואָס וואַקסן בכרם.

און וויבאַלד אַז יעדער קינד האָט דאָך אים דער אויבערשטער באַשאַפן אין אַן אופן, אַז ער זאָל האָבן אַן אייגענעם רצון אַ ווילן, און אייגענע כוחות – גיט דער אויבערשטער כח און דעם ריכטיקן ווילן און פאַרגעניגן, אַז יעדער אידישער קינד, וואָס ער איז פאַרגליכן צו דעם ענין פון עשב, און אויך צו דעם ענין פון אילן עושה פרי,

נוצט אויס יעדער קינד און אַלע אידישע קינדער, זייערע אַלע כוחות, אָנהויבנדיק פון רצון און תענוג און אַלע כוחות, אַז זיי זאָלן וואַקסן ווי דער אויבערשטער האָט זיי געגעבן דעם כח און האָט זיי אָנגעזאָגט, און בענטשט זיי, אַז זיי זאָלן מצליח זיין אין דעם אַלעם,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בראשית

פונקט ווי מ׳זאָגט ביום השלישי, אַז דעמאָלט איז ״וירא אלקים את אשר עשה והנה טוב״, אַז דער אויבערשטער גיט אַ קוק **יעדער** דינסטיק, אויך **דעם** דינסטיק, אויף אידישע קינדער, די וואָס זיינען אין אַ דוגמא – פאַרגליכן – צו עשב, און די וואָס זיינען פאַרגליכן צו אילן עושה פירות, וואָס זיינען נאָך קינדער, זיינען ערשט נאָך אין אָנהויבס פון זייער אַנטוויקלען זיך – זעט שוין דער אויבערשטער, אַז דאָס איז ״טוב״, אַז דאָס איז גוט.

און דאָס איז נאָך פאַרבונדן, וואָס ביום השלישי איז **הוכפל** בו ״כי טוב״, ״טוב לשמים וטוב לבריות״,

אַז יעדער אידישער קינד איז גוט פאַר זיך און באַ זיך אין דער היים, און טוט אַלץ וואָס הענגט אָפּ אין אים אויף מאַכן גוט צו אַלע מענטשן וואָס געפינען זיך **אַרום** אים.

און דאָס פאַרגרעסערט נאָך מער די הצלחה און די ברכה פון דעם אויבערשטן,

ווי אויך וואָס זיכער וועט מען דאָך צום ענדע פון דעם פאַרברענגען מקיים זיין אויך די מצוה פון צדקה, וואָס דאָס איז דאָך דער ״טוב **לבריות**״.

און דאָס וועט זיין דער ״חוט המשולש״ – אַז מ׳האָט דעם דאַוונען צוזאַמען; דעם זאָגן תורה שבכתב און תורה שבעל פה צוזאַמען, און געבן צדקה צוזאַמען – איז וועט ער ״לא ינתק״, ער וועט קיינמאָל ניט נפסק ווערן און וועט זיין אַן אייביקער פאַרבונד,

ווי געזאָגט פריער, אַז דאָס איז אַן אייביקע תורה, און אייביקע מצוות און אַן אייביקער פאָלק,

און אינגיכן ווען מיר גיין אין דער אייביקער גאולה, שאין אחרי׳ גלות – אין דער אייביקער אויסלייזונג דורך משיח צדקנו, ביום השלישי, וואָס דאָס קומט ער וועט דעמאָלט אויך געבויט ווערן דער בית המקדש השלישי, במהרה בימינו ממש.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.